„Radomer-Kielcer Leben" 5 [395) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" יאָהרגאַנג X-ער פּרייז 25 גראָשן

# ראַדאָמער-קעלצער לעבן

היינט 10 זייטן.

Radom, dnia 29 stycznia 1932 r.

ראַדאָם, פרייטאָג כ"א שבט תרצ"ב

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פּרייז:

אַ מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ'ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען
8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 "

## ŁASKAWE PANIE!!!

Chcąc zaoszczędzić Sz. Paniom czekania sprowadziłem do mego

**salonu fryzjerskiego**

mieszczącego się

przy ul. Żeromskiego 29 I p.

**pierwszorzędnego**

FRYZJERA DAMSKIEGO z Warszawy

p. **Mieczysława Wilczyka.**

Jednocześnie zaangażowałem

**MANICURZYSTKĘ z Warszawy.**

Polecając się łaskawym względom Sz. Pań pozostaję

z poważaniem

M. FUKS

**Uwaga:**
Przy salonie damskim uruchomiłem **salon męski.**

**CENY ZNIŻONE!**

## בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט ווערט בעקאַנט געמאַכט, אַז די
בעוויסטע וואַרשאַווער
— פ י ר מ ע —
**JAKÓB SZ. ASZ**
האָט געעפענט אין ראַדאָם
א אָבטיילונג — פון איהר —
## לעדער = סקלאַד
די ראַדאָמער סקלאַד-אָבטיילונג איז פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואַהל פון
אינלענדישע און אויסלענדישע לעדער פון די בעריהמסטע מאַרקעס.
**שוואַרצע און ברוינע געמזעס,**
**לאַקירען געמזאַווע און רונדע,**
**שוואַרצער זאַמש קאַלירטע,**
**נאַקען-לעדער** פון פערשידענע פאַרבען.
**באָקסען** (כראָמעס) שוואַרצע און פאַרביגע
און **פוטער-לעדער**
אַלס געשעפט'ס-פיהרער איז בעשטימט געוואָרען
דער אין ראַדאָם גוט-בעקאַנטער לעדער-בראַנזשיסט ה'
## ה. באַרענשטיין
די פּרייזען פון די אַלע אויבען-אויסגערעכענטע סחורות זענען די זעלבע
וואָס אין וואַרשאַ.
צוגענגליך און ביי זעהר גינסטיגע בעדינגונגען.
די ראַדאָמער אָבטיילונג געפינט זיך אויף **רווינסקאַ 16** אין הויף ערשטער שטאָק

## אַ קוואַליפיצירטער בוכהאַלטער
מיט לאַנגיעריגע פּראַקטיק
אויפ'ן געביט פון באַנק-וועזען, ביורא אַרבייט, שטייער-ענינים
— קאָרעספּאָנדענץ —
נעמט אָן פאַר ביליגע פּרייזען
בוכפיהרונג ענטשפּרעכענד פאַר פערשידענע געשעפטליכע אונטערנעמונגען.
— — ווענדען זיך: — —
1-טער מאַי 50 (ווילסאָקאַ) וואָהנונג 7
2 טער שטאָק פראָנט

## אכטונג פּראָווינץ!
## זשאַראָווקעס
„TUNGSRAM" „OSRAM"
„PHILIPS" „TANTRIS"
אַלע וואָלטען און ליכטען
אויך אַלע עלעקטראָטעכנישע אַרטיקלען.
אכטונג! פּשעוואָרניק שנירען און דעהרען צו די נידריגסטע פּרייזען
A. GOLDSZTAJN WARSZAWA Przejazd 1
Tel. 731—76
רעעלע בעהאַנדלונג פּינקטליכע ליפערונג

## Unieważnia się
*4 zgubionych blanco weksli*
**2 na 1000 zł. i 2 po 500 zł.**
wystawca: **Menasza Krengiel** (podpis w języku rosyjskim)
*Rochma Krengiel*

## א כ ט ו נ ג ! ! !
די נייעסטע פאַסאָנען
## מעבעל
פון פאַלגענדע מאַטעריאַלען:
ווענגערסקע יעשאָן, זלאָטאַ בוטאָזע, פּיראַמידען, זשעברא, מאַכאָן און יעשאָן.
——— אויף גוטע בעדינגונגען. ———
דאָס אַלעס ווערט אויס-געפּערטיגט ביי דער פירמע **קליין, זשעראָמסקי 26**

## לא תחמוד בית רעך
מיר זענען מתרה דעם שוואָגער ש מ ו א ל א ל י ו י נ ע ר, וואָהל 5 ער זאָל אַרויס מיט זיין ביב פון טאַטען, דעם דרילוער מורה הוראה וואָהל 9 און זאָל צוריק אין זיין דירה אריין. ער זאָל נישט איינרייסען ביי קיין צווייט מלומדות ביי זיך אין שטוב איסער די תלמוד-תורה, אויף די קאָנטע וואָס דער עלטער קען זיך נישט ווענדען און איהם וואַרטען.
נאום גינזו ש. פּעוקל וינעק 6.

# קעלצער אבטיילונג.

## א סענסאציאנעלע דין-תורה צווישן צוויי יודישע אינסטיטוציעס אין קעלץ.

לעצטענס איז ביים היגען רב פארגעקומען א אינטערעסאנטע דין-תורה צווישן 2 ארטיגע אנגעזעהענע אינסטיטוציעס. די געשיכטע שטעלט זיך פאר אזוי: דער „לינת-הצדק" האט גערופען לד"ת די ישיבה „תורת חסד", צוליב וואס די לעצטע זאמעלט געלד ביי פערשידענע געלעגענהייטען, ווי חתונות ברית'ן און בעיקר אויף אויפרופענס, אויף וועלכען די פילאנטראפישע אינסטיטוציע „לינת-הצדק" האט א חזקה פון לאנגע יאהרען, די ישיבה האט גע'טענה'עט אז זי האט א לענגערע חזקה דערויף...

יעדער צד האט צוגעשיקט עדות און נאך לאנגע און „הייסע" פערהאנדלונגען, האט דער רב ארויסגעגעבען א פסק: אז פון די אויפרופעגס-הכנסה קומט די ישיבה 60 פראצענט און דעם „לינת-הצדק" 40 פראצענט.

ווי מען שמועסט אבער, איז דער „לינת-הצדק" נישט צופרידען מיט'ן אורטייל. און גרייט זיך ארייןצוטראגען אנ'„אפעלאציע"...

## אונגעוועהנליכע ליציטאציע

דער ווירטשאפטליכער קריזיס. וועלכער לאזט זיך פיהלען אין אלע צווייגען פון האנדעל, און אינדוסטריע, שאפט טיילמאהל אנארמאלע און אויסערגעוועהנליכע סיטואציעס וועלכע וואלטען בלי ספק געגאלטען פאר קאמישע, ווען ניט דאס, וואס דער טראגיזם פיהלט זיין אן.

נישט איינמאהל איז אונז אויסגעקומען צו הערען וועגען זאכען פון וועלכע מיר האבען געשטוינט, געשטאנען פערבליפט און נישט געקענט משיג זיין למשל, ווען מ'האט לעצטענס איבערגעגעבען, אז דער פויער פון דעם דארף האט פאריגער וואך אויפ'ן יאריד פערקויפט א קיה, פאר 15 זלאטעס, א חזיר פאר 3 זלאטעס, אדער, א פערד פאר 50 גראשען האבען מיר לעת-עתה. ביי די ביז איצטיגע קאניוקטורען, נישט געהערט, דערווייל — דערווייל, איז מיט עטליכע טעג צוריק פארגעקומען א ליציטאציע אין פינטשעוו, (קעלצער געגענד) ביי דעם פאכטער פון גראף וויעלאפאלסקיס גיטער, ה' קרול, אויף וועלכע ס'איז פערקויפט געווארען דער טויטער און לעבעדיגער אינווענטאר, צווישען אנדערע איז פערקויפט געווארען 50 פערד פאר 27 זל., בוכשטעבליך, זיעבען און צוואנציג זלאטעס.

שעהנע צייטען זיך דערווארט...

## פאליטישער פראצעס

פאר'ן קעלצער קרייז געריכט זענען געשטאנען דעם פערגאנגענעם מיטוואך די כענטשינער יוגענדלייט ווילאוויטש אברהם בראון, וועלכע זענען בעשולדיגט געווארען אין געהערען צו דער קאמוניסטישער פארטיי.

שפעט ביינאכט האט דאס געריכט ארויסגעטראגען א אורטייל און די יוגענדליכע קאמוניסטען פער'משפט צו 3 יאהר שווערע תפיסה.

## א קצבים-שטרייק אין קעלץ

פאריגע וואך איז אויסגעבראכען אין קיעלץ א קצבים-שטרייק. די סיבה דערפון איז לויט ווי די קצבים טענה'ען צוליב'ן הויכען שחיטה-אבצאהל. די קצבים האבען זיך דעריבער געווענדעט צו דער קהלה מיט די ביטע צו פערקלענערען דעם שחיטה-אבצאהל.

די קהלה האט נאטירליך נישט געוואלט איינגעהן דערויף, ווייל דאס וואלט בעדראהט די גלייכגעוויכט פון קהלה-בודזשעט, וועמעס הויפט-הכנסה, איז ווי געוועהנליך די שחיטה.

דער קאנפליקט האט אנגעהויבען אנצונעהמען שארפערע פארמען, נעמליך די קצבים האבען געבראכט פלייש פון דער פרעמד, דערויף האט נאטירליך דער קיעלצער ראבינאט באלד רעאגירט ארויסלאזענדיג אנ'איסור פון „ובילה-ושריפה" אויף דעם פון דער פרעמד געשאכטען פלייש, אזוי אז אין א גרויסער טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג געבליבען אהן פלייש. ענדליך לויט דער השתדלות פון היגען ראבינאט, איז געלונגען צו ווירקען אויף די קצבים איבערצורייסן דערווייל דעם שטרייק, און זיך צו פערלאזען אויף א פערשטענדיגונג'ס-קאמיסיע וואס זאל בעשטעהן פון פארשטעהער פון דער אידישער קהלה, ראבינאט און קצבים-פעראיין.

בעת מיר שרייבען די שורות איז דער רעזולטאט נאך נישט בעוואוסט. די אונטערהאנדלונגען דויערן.

## א צוזאמענפאהר פון האלץ - אינדוסטריעלער פון דער גאנצער פוילישער רעפובליק

פאריגע וואך איז אין קעלץ פארגעקומען א צוזאמענפאהר פון קאלעך-אינדוסטריעלער פון דער גאנצער פוילישער רעפובליק. דער צוזאמענפאהר האט בעטראכט די נויטווענדיגקייט פון שאפען אנ'אלגעמיינעם קאלך-סינדיקאט אויפ'ן שטח פון גאנצען לאנד. נאך לענגערע און ליידענשאפטליכע דעבאטען האט דער צוזאמענפאהר נישט געגעבען קיין פאזיטיווען רעזולטאט.

ס'איז בעשלאסען געווארען צו רופען אין די נעכסטע חדשים נאכאמאהל א קאנפערענץ, מיט'ן צוועק צו לעזען קאנקרעט די פראגע.

## פארשטעהער צום ציוניסטישען צוזאמענפאהר

די ארטיגע „על המשמר"-גרופע, האט אויפ'ן סמך פון דורך איהר פערקויפטע לעגיטימאציעס דעסיגנירט איהרע מיטגלידער אין די פערזאנען פון: פרל"ל ל. אורבייטעל און וי ה"ה לאוויניק מ. ראטענבערג, א. גראנדאפעל און חיים זיעלאני אלס פארשטעהער אויף דעם 10טען ציוניסטישען לאנדעס צוזאמענפאהר. וועלכע קומט פאר סוף חדש אין ווארשא.

ווי בעקאנט ווערט דער צוזאמענפאר רעפרעזענטירט בלויז פון דער „על המשמר" פראקציע.

## ענדערונג אין די היגער פאליצייארגאנען

פון קאמפעטענטע קוועלען דערוויסען מיר זיך, אז דער שעף פון אויסבארשונג'ס אמט אין קעלץ, אינספעקטאר טאדעאיש ווערק ווערט איינגיכען איבערגעטראגען קיין לעמבערג אויף דעם זעלבען אמט.

שעף פון אויספארשונג'ס אמט אין קעלץ זאל נאמינירט ווערען דער ביזאיצטיגער לעמבערגער שעף פון דעם אמט ה' בילעוויטש

## קעלץ שלאגט דעם רעקארד פון פראטעסטירטע וועקסלען

לויט דער אויסרעכענונג פון הויפט סטאטיסטישען-אמט איז אין דער קיעלצער וואיעוודזטווא אין חודש נאוועמבער פראטעסטירט געווארען 44 276 וועקסלען אויף דער סומע פון 8.876.959 זל פון דעם אין קיעלץ גופא 5,222 וועקסלען אויף דער סומע פון 1.026 870 זל טשענסטאכוו 4.947 וועקסלען—.190120 זל סאסנאוויעץ 4259 וועקסלען 115.509 זל

לויט די צאהל איינוואהנער פערנעמט קיעלץ פונקט דאס לעצטע ארט כמעט א העלפט איינוואהנער ווי די שטעדט. סאסנאוויעץ. טשענסטאכאוו, דאך פראטעסטירט קיעלץ מעהר. א טראגישע אין א אנארמאלע ערשיינונג.

## דער בעריהמטער ראדאשיצער רבי אין קעלץ.

פאריגען שבת האט אין קיעלץ געווילט דער ראדאשיצער רבי ר' חיים אשר'ל

זיין בעזוך שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט די חתונה פון זיין שוואגער'ס זוהן דעם היגען סוחעדביוער דבי, וועלכע איז פארגעקומען דעם פערגאנגענעם מאנטאג אין ווארשא. שבת ביים „טיש" איז געוועזען זעהר א גרויסער עולם. בלויז צוגערייזטע חסידים זענען געווען עטליכע הונדערט.

# טורקאָוו-אַקאַדעמיע אין ראַדאָם.

דער 15-יעהריגער יובילעאום פון זיגמונד טורקאָוו'ס סצעניש פּהעטיגקייט איז אויסגעפאַלען אין ראַאָם זעהר אימפאזאנט. אימפאָזאנט אין דעם זין וואָס דער עולם האָט דעם בעריהמטען און בעליבטען ארטיסט אויפגענומען מיט אומגעהוירען ענטוזיאזם. די וואָס זענען געקומען האָבען ארויסגעוויזען אַ לעבהאַפטען אנטייל אין יום-טוב זייגעם.

דער זונטאג'דיגער פייערליכער אָוונד האָט, זיך אָנגעהויבען מיט צוויי אקטען פון אנדרעיעוו'ס „געדאנק". זיגמונד טורקאָוו האָט דאָס מאָל איבערגעשטיגען זיך אליין און מיט זיין שפּילען ממש צעחושט דעם עולם. אין „געדאנק" האָט מיט איהם מיטגעשפילט דער ארטיסט יצחק גרודבערג. נאָכדעם איז געקומען א פראגמענט פון „אנקעל מאזעס" פון שלום אש. דאָ האָט טורקאָוו געשפּילט איינער אליין.

דער ארטיסט יצחק גרודבערג האָט פריהער איידער דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען, געגעבען א איבערבליק פון דער האַנדלונג פון דער געגעבענער זאַך, און אַפּאָפּולערער שפּראַך-געבויטער שפּראַך האָט גרודבערג ארומגערעדט דעם גאַנצען אינהאַלט אזוי, אַז דער עולם האָט געהאט א קלאָרען בעגריף וועגען וואָס ס'געהט און זיך געקענט לייכט אָריענטירען בעת טורקאָוו איז אויפגעטרעטען אין גרים אין פערשידענע קרעאציעס.

דאָס פאָרזאָגען פון גרודבערג'ן און נאָכהער דאָס שפּילען פון טורקאָוו'ען האָבען געמאכט דעם איינדרוק ווי דאָס וואָלט געווען אזא מין אָריגינעלער שפּיעל, א דבר-חדש, וואָס האָלט דעם עולם דווקא מיט זיין נייעס אַמפּאַנירט. ס'האָט אויפגעוועהן ווי ביידע דערגענצען זיך און בילדען א גאַנצעס פון וואָס די צושויער האָבען זיך געשאַפען א פולשטענדיג בילד פון געשפּילטען.

נאָך דער אויפפיהרונג פון „אַנקעל מאַזעס" איז פאָרגעקומען א אקאדעמיע. אויף דער סצענע איז געזעסען דער יובל-קאָמיטעט אין צוזאמענשטעל פון די ה"ה קארפּש, מ. גלאט, י. גלאט, סטודענט פריד און בעל היובל טורקאָוו.

ה' קארפּש אלס פאָרזיצענדער האָט געעפענט די אַקאַדעמיע און אין קורצע ווערטער איבערגעגעבען די גרויסע פערדינסטען פון זיגמונט טורקאָוו פאר דער יודישער ביהנע. נאָכדעם האָבען בעגריסט א. גלאט אין נאָמען פון דעם דראמאטישען קרייז ביים ארבייטער ווינקעל, סטוד. פריד אין נאָמען פון די יודישע אקאדעמיקער, מ. גלאט אין נאָמען פון די אָוונד-קורסען.

צום סוף האָט גענומען א וואָרט דער בעל-היובל און דער עולם האָט איהם בעדאנקט מיט א הוראַגאַן פון אפּלאָדיסמענטען.

מיט א פראַגמענט פון „שבתי צבי", וואָס טורקאָוו האָט מייסטערהאַפט אויסגעפיהרט האָט זיך די אקאדעמיע געענדיגט.

אז פ'ן זאַהל, אויבוואָהל ער איז ניט געווען פול, האָט געהערשט א יום-טוב'דיגע שטימונג. אונזער אינטעליגענץ האָט, ווייזט אויס, גישט געהאַט קיין צייט צו קומען. זי האָט געהאַט בעסערע געשעפטען איידער צו קומען אויף א פייערליכע און גראנדיעזע פאָרשטעלונג פון אַן'איידעאַליש-יודישען ארטיסט אין וועמענ'ס יובילעאום ס'האָט אויך אנטייל גענומען די אדעליסטיש-קינסטלערישע וועלט פון דער פוילישער ביהנע.

# פאַרלעזונג פון בעקאַנטען שריפטשטעלער יואל מאַסטבוים.

די נאָהענטסטע טעג ווערט פאָרקומען א פאָרלעזונג פון בעוואוסטען שריפטשטעלער יואל מאַסטבוים אויף א אינטערעסאנטער און זעהר אקטועלער טהעמע.

יואל מאַסטבוים איז אַ שעהנער רעדנער און זיינע פאָרלעזונגען ווערען אומעטום צוליב זייער אַקטואַליטעט און אינהאַלטסרייכקייט אויפגענומען מיט גרויס אינטערעס.

## די ראַדאָמער ציוניסטען און זייער אנטייל אויף דעם 10-טען ציוניסטישען צוזאַמענפאָהר.

זונטאג קומט פאָר אין ווארשא דער 10 טער ציוניסטישער פוילישער צוזאַמענפאָהר. אין ראדאם איז ארויסגעשטעלט געוואָרען איין ליסטע, צוליב דאס זענען קיין וואהלען נישט פאָרגעקומען און די פאָלגענדע חברים זענען געוועהלט געוואָרען אלס ראדאָמער דעלעגאטען אויף דעם ציוניסטישען צוזאמענפאָהר: 1) יחיאל פרענקיעל (עת לבנות) מרדכי לייב פישמאן (אונאבהענגיגע ציוניסטען) 3) מאיר גראנעק (אונאבהענגיגע ציוניסטען) 4) אברהם סאָלבע (על המשמר)

אלס קאנדידאטען זענען געוועהלט געוואָרען: 1) פנחס פאָגעלמאן, ווארשא 2) שמואל בענעט, ווארשא (אונאבהענגיגע ציוניסטען).

---

צו די פערלאָבונג פון פרל'

**טעמע קויפמאן** מיט ה' **יאקוב לאנדא**

ווינש איך דעם פערלאָבטען פּאָרל פיל גליק

און די מוטער שרה'לע פיל נחת

**גימפאן קאַפּערוזס.**

---

Rodzinie AJCHENBAUM

z powodu zgonu

b. p. **Zelika**

# Ajchenbauma

wyrażają współczucie

Zarząd i Dyrekcja

*Gimnazjum T-wa „Przyjaciół Wiedzy"*

**w Radomiu.**

---


# אכטונג!

## שיך-פאַבריקאַנטען און לעדער-סוחרים!

די פוילישע פּערטרעטונג

פון דער וועלט - בעריהמטער אמעריקאנער מאַרקע

**BLUMENTHAL**

האָט דעם כבוד מיטצוטיילען, דאָס זי האָט

געעפענט אין **ראַדאָם**

# א קאַמיסיאָנ'ס-לאַגער

פון:

**געמזעס** ברוינע און שוואַרצע אין גרויסען אויסוואַהל

**לאַקירען** אין פערשיעדענע גאַטונגען

**זאַמשען** שוואַרצע און קאָלירטע א. א,

וועלכע ווערען פערקויפט

צו די זעלבע פרייזען ווי אין פאַבריק'ס-לאַגער אין ווארשא.

דעם קאמיסיאָנ'ס-לאַגער האָבען מיר אָנפערטרויט דעם בעקאַנטען

לעדער-סוחר אין ראַדאָם

**J. STEIMAN, Rwańska 17** 1-טער שטאָק

מיר עמפּפעהלען די סחורה אלע פּעראינטערעסירטע.

מיט אכטונג

Towarzystwo Handlu Skórami Amerykańskiemi

**Spółka Akcyjna**

WARSZAWA, ul. Nalewki 27.



*Kino Dzwiękowe* **„CZARY"** RADOM

— עס ווערט געמאָנסטרירט דאָס שלאַגער בילד —

MONTE CARLO

w rolach głównych:

**Jeanetty Mack Donald i inn.**

Nadprogr. **DODATKI DŹWIĘKOWE** Nadprogr.


Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia Wyd Radomer-Kielcer Leben Radom Szwarlikowska 20